# NYC HRA אפיס פון טשיילד סופארט סערוויס (Office of Child Support Service, OCSS)

האבן א קעיס מיט די אפיס פון טשיילד סופארט סערוויסעס (OCSS) שאפט א רעקארד פון אלע טשיילד סופארט באצאלונגען און שטעלט צו א נייטראלע פארמיטלער צווישן עלטערן. עס זענען פארהאן פילע בענעפיטן פון עפענען א טשיילד סופארט קעיס, אפילו אויב איר האט שוין אן אפיציעלע גט אדער אנדערע סארט אפמאך אינדרויסן פון די טשיילד סופארט פראגראם.

## בענעפיטן

| לעגאלע עלטערנשאפט | טשיילד סופארט באצאלונגען | עלטערן-קינד פארבינדונג | העלט אינשורענס | נייטראלע פארמיטלער | פענסיע פאנדס | מיליטערישע אלאוענס | איבערלעבער'ס בענעפיטן | דיסאביליטי בענעפיטן |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|

געוויסע בענעפיטן פארלאנגען אז מען זאל אוועקשטעלן לעגאלע עלטערנשאפט.

## סערוויסעס

אלע עלטערן מיט קאסטאדי, גארדיענס, און די וואס נעמען קעיר פונעם קינד, זענען בארעכטיגט פאר טשיילד סופארט סערוויסעס אפגעזעהן זייער איינקונפט אדער אימיגראציע סטאטוס. OCSS שטאב פירן זיך לויט'ן בענעפיט פונעם פובליק און פארטרעטן נישט קיין שום צד אין א טשיילד סופארט קעיס. צדדים מוזן נישט נוצן די סערוויסעס פון אן אדוואקאט. אין קורצן, טוט די OCSS צושטעלן:

- טרעפן די עלטערן אן קאסטאדי
- סערווירן א סאמענס
- אוועקשטעלן לעגאלע עלטערנשאפט
- רעפערעלס פאר גענעטישע טעסטינג
- געריכט רעפערעלס אדער אפמאכן צו פעסטשטעלן און טוישן טשיילד סופארט באפעלן
- זאמלען און אויסטיילן טשיילד סופארט באצאלונגען
- ענפארסירן טשיילד סופארט באפעלן
- טשיילד סופארט חובות מענעדשמענט און רעפערעלס פאר פארמיטלער סערוויסעס
- ארבעט סערוויס רעפערעלס

## קעיס פראצעסירונג

### 1 זיך איינגעבן פאר טשיילד סופארט סערוויסעס

באקומט די אנליין אפליקאציע אויף nyc.gov/hra/ocss. אויב זענט איר אן עלטערן מיט קאסטאדי וואס געבט זיך איין פאר אדער נויטיגט זיך אין קעש הילף, ווערט איר געפאדערט איינצוהאלטן טשיילד סופארט פארשריפטן און וועט אטאמאטיש רעפערירט ווערן פאר סערוויסעס.

### 2 דערגרייכן אן אפמאך איבער טשיילד סופארט אדער באקומען א באפעהל אין געריכט

איינמאל עלטערנשאפט ווערט אוועקגעשטעלט, קענען עלטערן ארבעטן מיט OCSS קאסטומער סערוויס שטאב צו באקומען א טשיילד סופארט אפמאך דורך נוצן די סטאנדארט טשיילד סופארט גיידליינס. די אפמאך וועט אריינגעגעבן ווערן אין געריכט איידער די הירינג. אנדערש, קענען צדדים אויספאלגן די טראדיציאנאלע פראצעדור פון גיין בלויז דורכ'ן געריכט, וואס נעמט לענגער.



### 3 טשיילד סופארט באפעל ווערט ענפאסירט און באצאלונגען ווערן געמאכט און פארטיילט. ביידע צדדים קענען בעטן צו טוישן א באפעל.

איינמאל א באפעל ווערט אוועקגעשטעלט, ווערט די פארלאנגטע סומע נאכגעקוקט, און אונזער פראגראם נוצט פעדעראל-פארלאנגטע מיטלען צו פארזיכערן באצאלונג. אויב איז פארהאן א טויש אין אומשטענדן, קענען עלטערן זיך טרעפן מיט קאסטומער סערוויס שטאב צו טוישן די באפעל און עס באשטעטיגן אין געריכט, אדער אויספאלגן די טראדיציאנאלע געריכט פראצעדור צו טוישן דעם באפעל.

FLY-1091(E-Y) 04/2026
(E) Rev. 04/2026

# עפענען א טשיילד סופארט קעיס און וואס פאסירט נאכדעם

א טשיילד סופארט באפעל ווערט אוועקגעשטעלט אין עטליכע וועגן ווען איינער פון די עלטערן זענען מער נישט אינעם הויזגעזונד:

- די עלטערן מיט קאסטאדי קען עפענען א טשיילד סופארט קעיס דורך זיך איינגעבן דורך די אפיס פון טשיילד סופארט סערוויסעס (OCSS) און/אדער אריינגעבן א פעטיציע מיט די פאמיליע געריכט.
- אויב די קינד באקומט קעש הילף (Cash Assistance) אדער Medicaid, ווערן די עלטערן מיט קאסטאדי פארלאנגט זיך צו צושטעלן צו די טשיילד סופארט פראגראם. זיי וועלן אויטאמאטיש רעפערירט ווערן צו טשיילד סופארט.
- אויב איז די קינד אין פאסטער קעיר, קען א טשיילד סופארט קעיס געעפנט ווארן קעגןביידע עלטערן. ביידע עלטערן וועלן מוזן גיין אין געריכט און באצאלן טשיילד סופארט.
- עלטערן מיט קאסטאדי קען צושטעלן אן אפיציעלע גט פאר OCSS און די טשיילד סופארט חלק קען ווערן ענפארסירט דורך OCSS דורך אריינגעבן א טויש פון ווער עס ווערט באצאלט (change of payee) פעקל. די באפעל קען דאן ווערן באצאלט דורך די סופארט זאמלונג איינהייט (Support Collection Unit, SCU) און דארפן צוריקגיין אין געריכט.
- עלטערן מיט קאסטאדי קענען עפענען א טשיילד סופארט קעיס אפילו אויב די עלטערן אן קאסטאדי וואוינט אינדרויסן פון ניו יארק סטעיט. ביטע פארבינדט זיך מיט אייער [לאקאלע טשיילד סופארט פאמיליע געריכט סערוויס סופארט](#) אפיס פאר הילף. OCSS קען ענפארסירן אדער העלפן טויש און א טשיילד סופארט באפעל אין רוב סטעיטס און [54 לענדער](#). NYC טשיילד סופארט באפעלן קענען ווערן רעגיסטרירט אין די יוריסדיקציע וואו די עלטערן אן קאסטאדי (NCP) וואוינט דורך זיך פארבינדן מיט די [NYC געזעץ אפטיילונג (Law Department)](#).

די טאוול אונטן שטעלט צו א פשוט'ע סך הכל פון וואזוי א טשיילד סופארט קעיס ווערט אוועקגעשטעלט און אנגעפירט ווען OCSS סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט.

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| עלטערן מיט קאסטאדי (CP) געבט זיך איין פאר טשיילד סופארט סערוויסעס און שטעלט צו אינפארמאציע פאר OCSS | מען טרעפט NCP נוצנדיג CP'ס אינפארמאציע, און סיסטעם דאטא מעטשעס | פעטיציע ווערט אריינגעגעבן, דאטום פאר הירינג ווערט באשטימט, און די NCP באקומט א סאמאנס | צדדים גייען צו פאמיליע געריכט | טשיילד סופארט באפעל ווערט אוועקגעשטעלט | OCSS זאמלט איין און פארטיילט באצאלונגען 74%) געזאמלט דורך ארבעטסגעבער געהאלט) | OCSS טוט אדמיניסטראטיווערהייט ענפארסירן געריכט באפעל |

# טשיילד סופארט באצאלונגען

פאלגנד איז א טאוול פון וויפיל טשיילד סופארט עלטערן קענען ערווארטן צו באקומען ווען די עלטערן אן קאסטאדי מאכט א באצאלונג אין איינקלאנג מיט זייער געריכט פאראדנטע טשיילד סופארט חיוב לויט די פאראדנטע אפטקייט. די טשיילד סופארט קאלקיולעיטער קען העלפן געבן א בערך'דיגע שאצונג פון די באפעל סומע: [http://bit.ly/CSCalc](http://bit.ly/CSCalc).

- **פאמיליעס וואס באקומען קיינמאל נישט קיין קעש הילף בענעפיטס** → 100% אלע באצאלונגען
- **פאמיליעס וואס באקומען א קעש הילף בענעפיטס** → ביז 200 דאלאר + קעש הילף בענעפיטס
  - 1 קינד = 100 דאלאר (מאקסימום)
  - 2+ קינדער = 200 דאלאר (מאקסימום)
- **פאמיליע וואס האט אין פארגאנגענהייט באקומען א קעש הילף בענעפיטס** → 100% סופארט באצאלונגען + חוב באצאלונגען שולדיג פאר CP (באמערקונג: שטייער אינטערסעפט חוב באצאלונגען גייען ערשט צו DSS)

לערנט מער היינט אויף nyc.gov/hra/ocss אדער שיקט אונז אן אימעיל צו dcse.cseweb@dfa.state.ny.us